STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02857

FUN HEYM TSU HEYM

Sara Shabath

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה שבת

פון היים צו היים

מײַנע טײַערסטע פֿרײַנד
די ברידער משה און דוד כהן
פֿאַר זייער שטענדיקן מונטערן מיך
מײַן בעסטן דאַנק.

ש. ש.

שרה שבת

פון היים צו היים

לידער

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל-אביב, תשמ"א — 1981

שרה שבת

מבית לבית

שירים

SARA SHABATH

FUN HEIM TZU HEIM

POEMS

Israel-Book, Publishing House, Tel-Aviv P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישראל-בוך״, תל-אביב, רח׳ איתמר בן-אבי 4

כל הזכויות שמורות:
שרה שבת, קיבוץ בית-אלפא, ישראל

Printed in Israel 1981 נדפס בישראל

דפוס „להב״ בע״מ, תל-אביב, סמטת ענתבי 13, טל. 335310

מרדכי חלמיש

אַ נײַער נאָמען

אַ נײַער נאָמען אין תּחום פֿון ייִדישן שעפֿערישן וואָרט איז שוין זינט לאַנגע יאָרן אַ יקר־המציאות, כּמעט ווי נישט בנמצא. די טרויעריקע סיבות דערפֿון זענען אונדז, לײַדער, גאַנץ קלאָר. איז דערפֿאַר שטאַרק דערפֿרייענדיק ווען מיר אַנט־פּלעקן אויף איין מאָל, אַז לא אלמן ישׂראל: עס זענען נאָך פֿאַראַן דאָ און דאָרט פֿאַרבאָרגענע כּוחות, וואָס פּרוּוון שפּינען ווײַטער דעם גאָלדענעם פֿאָדעם פֿון ייִדישן שאַפֿן, כאָטש זיי טוען עס אויף אַ צניעותדיק־באַהאַלטענעם אופֿן. די דאָזיקע שרײַבערס, וואָס האָבן בלי ספק אַ שרײַבערישן טאַלאַנט, גייען זיך מיט זייערע זײַטיק־אָפּגעזונדערטע סטעזשקעס, ווײַט פֿון ליטעראַרישן הויפּט־טראַקט און פֿון זײַן רוישיקן טאַראַראַם...

גראָד אין דער לעצטער צײַט האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן מיט צוויי אַזעלכע דערשײַנונגען — ביידע אין אַלט־אײַנגעזעסענע, ראַדיקאַל־העברעיִסטישע קיבוצים פֿון השומר הצעיר: בית־אלפא און כּפֿר־מנחם. וועגן בית־אלפא — אין די ווײַטערדיקע שורות, אָבער בעת מײַנעם אַ באַזוך אין קיבוץ כּפֿר־מנחט איז מיר צופֿעליק אַרײַנגעפֿאַלן אין האַנט אַ פּעליעטאָן פֿון איינעם פֿון די גרינדער פֿון קיבוץ: מיירים ברעם (בראַווערמאַן) פֿון גראָדנע, וואָס האָט מיט איבער פֿערציק יאָר צוריק געפּלעגט שרײַבן אַזעלכע פּעליעטאָנען בײַ אַ סך געלעגנהייטן, בעיקר אין שייכות מיט פֿײַערלעכע געשעענישן אין זײַן קיבוץ. די פּעליעטאָנען צייכענען זיך אויס מיט אַ פּרעכטיקן הומאָר און בעיקר — מיט אַ שפּרודלדיקן ייִדיש, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט דער ספּעציפֿיש־גראָדנער אידיאָמאַטיק, ממש אַ מחיה צו לייענען. זײַנע פּעליעטאָנען זענען אײַנגעזאַמלט אין אַרכיוו פֿון קיבוץ און מי יודע וואָס עס וועט פֿון זיי ווערן ווען דער ערשטער דור חברים וועט שוין מער נישט זײַן...

איך ווייס גענוי, אַז אַזעלכע חברים ווי מײַרים ברעם פֿון כּפֿר־מנחם זענען געווען אויך אין אַנדערע קיבוצים פֿון השומר הצעיר. טאַלאַנטפֿולע יונגע מענטשן האָבן דאָך נישט אויסגעפֿעלט אין השומר הצעיר בכלל און אין דער שומרישער באַוועגונג אין פּוילן בפֿרט. אלא מאי? ווײַל זייער שרײַבן איז געווען אין ייִדיש־לשון און די טאָגטעגלעכע שפּראַך און דער קולטור־קלימאַט בכלל אין די קיבוצים איז עברית, האָבן זיי ביסלעכווײַז אָנגעהויבן פֿאַרנאַכלעסיקן זייער ייִדיש־שרײַבן. געווען אַזעלכע וואָס זענען איבערגעגאַנגען צו שרײַבן עברית און אַנדערע האָבן אויפֿגעהערט צו שרײַבן בכלל אָדער געשריבן צו ביסלעך פֿאַרן שופֿלאָד. סוף כּל סוף איז דאָך נישט יעדער אַן אַריה שמרי ז״ל, אָדער תּיבדל לחיים ארוכים, אַ רחל פֿישמאַן — ביידע חברים אין שומרישע קיבוצים און ביידע באַרימטע פּאָעטן, וואָס האָבן באַוויזן אַן עקשנותדיקע געטרײַשאַפֿט צו זייער שעפֿערישן וועג אין מאַמע־לשון. איז מי יודע וויפֿל שרײַבערישע כּוחות אונדזער ייִדישע ליטעראַטור האָט אויף דעם וועג פֿאַרלוירן און פֿאַרלירט נאָך עד היום אין דעם דאָזיקן סטיכישן פּראָצעס פֿון עליה, פֿון קיבוץ גלויות און מיזוג הגלויות אין איין פֿאָלק

מיט איין נאַציאָנאַלער שפּראַך, וואָס שמעלצט צוזאַמען אַלע עדות און אַלע דורות אין אַ בשותפותדיקער קולטור.

*

איצט קומען מיר צום עיקר. דער נאָמען שרה שבת (פון דער היים — לאַבאָוויצקי) איז גאַנץ נײַ פאַר דעם ייִדיש־לייענער אין ישׂראל, כאָטש לויט ווי זי דערציילט שרײַבט זי שוין ייִדישע לידער זינט לאַנגע יאָרן. געקומען אין לאַנד איז זי מיט אַ פינף און פערציק יאָר צוריק ווי אַ יונגיטשקע מיידל פון ניעסוויעזש, פוילן. זי לעבט מיט איר משפחה אַלע יאָרן אין קיבוץ — פריִער אין רמת יוחנן נעבן חיפה, און שוין קרוב צו פערציק יאָר אין בית־אלפא. די שפּראַך אין וועל־כער זי לעבט זיך אויס איז, זעלבספאַרשטענדלעך, עברית, בפרט ווען זי האָט געענדיקט אַ העברעיִשע גימנאַזיע האַרט פאַר איר עליה קיין ישׂראל. אָבער אירע לידער שרײַבט זי גראַד אויף ייִדיש. און אפשר איז דאָס די סיבה וואָס זי האָט אַלע יאָרן געשריבן בלויז פאַר זיך, געהאַלטן אירע לידער פאַרמאַכט אין שופלאַד און זיי כמעט קיינעם נישט געוויזן. אָבער דאָס האָט בײַ איר נישט געמינערט כהוא זה דעם אינערלעכן דראַנג אָנצוגיין כסדר מיט איר שרײַבן.

איז געווען אַ צופאַל און איר קיבוץ־חברטע, די דיכטערין רחל פישמאַן האָט זיך דערוווּסט אַז אין איר אייגענעם קיבוץ, אין גאָר נאָענטער שכנות מיט איר, ווערן געבוירן נאָך ייִדישע לידער, דורך אירער אַ לאַנגיאָריקער חברטע. די דאָזיקע ידיעה איז אויך דערגאַנגען צו נאָך עטלעכע חברים אין בית־אלפא, וואָס האָבן אַן אינטערעס און אַ וואַרעמע באַציִונג צום ייִדישן וואָרט. און ווײַל מיט די דאָזיקע חברים פאַרבינדט מיך אַ לאַנגיאָריקע יוגנט־פרײַנדשאַפט, נאָך מימי פוילן און פון מײַנע ערשטע טריט דאָ אין לאַנד, וואָס איך האָב געמאַכט מיט זיי צוזאַמען אין קיבוץ, האָבן זיי באַשלאָסן אַז שרה שבת דאַרף זיך פאַרשטענדיקן מיט מיר און פרעגן, וואָס מען דאַרף טאָן מיט אירע לידער. אָט אַזוי איז געקומען צו מײַנע אַ באַגעגעניש מיט שרה שבת און צו מײַן ווערן איר „אונטערפירער" צו דער עפנטלעכקייט.

*

נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו ברענגען צו מיר פון בית־אלפא קיין תל־אביב אַלע הונדערטער לידער וואָס האָבן זיך בײַ איר אָנגעזאַמלט, האָט די דיכטערין געהאַט מיט זיך נישט מער ווי אַ צופעליקן אָפּקלייב. איך מוז זאָגן, אַז וואָס מער איך האָב געלייענט, אַלץ מער בין איך געווען איבערראַשט און דערשטוינט: וואָס פאַר אַ רײַכקייט פון שפּראַך, וואָס פאַר אַן אָריגינעלקייט פון סוזשעט, וואָס פאַר אַ שפע פון אימאַזש!

דאָך, נישט וועלנדיק זײַן איינער אַליין דער פּוסק אחרון, האָב איך באַשלאָסן אײַנצולאַדן אויף איינעם אַן אָוונט עטלעכע חברים־שרײַבער, צווישן זיי אויך אַן אָנערקענטן בר־סמכא וואָס שייך אָפּשאַצן אַ ייִדיש ליד. איך האָב פאַר זיי געלייענט עטלעכע פון שרה שבת׳ס לידער, וואָס זי האָט בײַ מיר געלאָזן, און נישט אַנטפּלעקנדיק זייער מקור, האָב איך זיי געבעטן פרווון טרעפן, ווער איז, לויט זייער מיינונג, דער מחבר פון די דאָזיקע לידער. אַלע אָן אויסנאַם, האָבן מסכים געווען, אַז די לידער זענען פון אַ פײַנער פּאָעטישער מדרגה. איינער פון זיי האָט געמיינט, אַז זייער מחברטע איז אַ זײַער חשובע ייִדישע דיכטערין, וואָס

צוליב פֿאַרשטענדלעכע טעמים וועל איך נישט אָנרופֿן איר נאָמען, אָבער די עצם השערה איז שוין פֿאַר זיך אַליין אַ גרויסער קאָמפּלימענט פֿאַר די דאָזיקע לידער פֿון אַ ביז איצט לחלוטין אומבאַקאַנטער דיכטערין. ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער פֿאַקט, וואָס אַלעמענס מיינונג איז געווען, אַז די לידער זענען געשריבן פֿון אַ ד י כ ט ע ר י ן אַ פ ר ו י דווקא, און נישט פֿון אַ דיכטער אַ מאַן...

*

די אָ אויבנגעברענגטע שורות, וועלכע זענען פֿראַגמענטן פֿון דעם וואָס איך האָב וועגן שרה שבת געשריבן, זענען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער „ישראל־שטימע" פֿון 14.11.1979, צוזאַמען מיט פֿיר לידער פֿון דער ביז דעמאָלט אומ־באַקאַנטער דיכטערין. עס זענען אָנגעקומען זייער וואַרעמע אָפּרופֿן און זיי האָבן באַשטעטיקט, אַז שרה שבת איז אַ פֿײַנע און אָריגינעלע פּאָעטעסע, וואָס ברענגט אַרײַן מיט אירע לידער אַ נײַעם טאָן אין דער ייִדישער דיכטונג. והעיקר, זי איז אַזוי אַרום אַרויס פֿון איר אַנאָנימקייט און דערמוטיקט געוואָרן אַרויסצוקומען מיט דער ערשטער, באַשײַדענער זאַמלונג פֿון אירע פֿון לאַנג געשריבענע לידער פֿאַר דער ברייטער עפֿנטלעכקייט.

איז אויך דאָס מאָל פֿאַר מיר אַ פֿאַרגעניגן צו באַגלייטן די דיכטערין מיט מײַן „יהי רצון", אַז אירע צאַרטע און האַרציקע לידער זאָלן ווערן אויפֿגענומען דורכן לייענער מיט ליבשאַפֿט, אַזוי ווי זיי פֿאַרדינען. דערבײַ דריק איך אויס מײַן האָפֿענונג, אַז שרה שבת וועט פֿון איצט אָן שטײַגן אַלץ העכער אין איר פּאָעטישן באַרג־אַרויף, ביז זי וועט זיך דערשלאָגן צו אַ בכּבֿודיקן פּלאַץ אין אייביקן היכל פֿון דער ייִדישער שירה. אמן!

געהייליקט דעם אָנדענק פון מײַן אומגעקומענער
מוטער אסתּר־רבקה, מײַן שוועסטער עלקע און
מײַן פֿאָטער דעם פּאַרטיזאַן, משה ליאַכאָוויצקי ז״ל.

אין מניין קיבוץ־הזיים

זיך אויפגעבויט אַ היים

איך פֿאָר אַרויס אין לאַנגן וועג,
ברענגט מײַן באָבע מיר
אַ קישעלע אַ ווייכינקס
פֿון ווײַסן, ריינעם פּוך.
האָב איך מיר אַ קישעלע
צו לייגן דעם מידן קאָפּ,
נאָך אַן אַרבעט־טאָג אַ שווערן
און נאָך לאַנגע נעכט אָן שלאָף.

קום איך צו אַ ברעג אַצינד.
אוי, סוף כּל סוף,
שטעלט אַוועק מײַן חבר מיר
אַ בענקעלע פֿון ברעטער
אָפּגעפֿאַרבט גרין.
האָב איך שוין אַ באַנק
צו זיצן און צו טרוימען,
און אַ קישעלע צו לייגן
מײַן שווערן קאָפּ, דעם מידן.

אין אַ פֿרימאָרגן נעם איך מיר
אַ פֿלאַנץ, נישט גאָר קיין גרויסע,
פֿאַרפֿלאַנץ עס אין דער גוטער ערד,
וואַקסט מיר אויס אַ בוים.
האָב איך שוין אַ בוים אין הויף,
אַ גרינע באַנק, אַ קישעלע
צו לייגן דעם קאָפּ און דרימלען.
דאַרף איך עפּעס מער? —

אַ מענטש האָט זיך אויפגעבויט אַ היים.

בײַם טויער פֿון מײַן דאָרף

איך שטיי בײַם טויער
פֿון מײַן דאָרף, מײַן היים,
עס פֿאָרן מענטשן פֿאַרבײַ
אויף דעם נאָענטן וועג.

איינער שיקט מיר צו
אַ פֿריילער־ליבן בליק,
אַ ישר־כּוח פֿאַר די שווערע טעג:
פֿאַר אַרבעט שווערער,
וואָס געשאַפֿן האָט
די גרינקייט פֿון אַרום,
דאָס פֿעלד מיט זאַנגען,
און דאָס שיינע דאָרף.

אַ צווייטער פֿאָרט פֿאַרבײַ —
זיין בליק איז ווײַט אַוועק
ער זעט נאָר זיך,
ער קוקט זיך נישט אַרום.
ער פֿאָרט...

אַ דריטער — זײַן בליק
מיט צאָרן פֿול, זאָגט:
„דו, דו ווינסט זיך דאָ,
און מיך געלאָזן האָסטו
אין רויכיק, רווישיקער שטאָט...״

און איך שטיי מיר שטיל
בײַם טויער פֿון מײַן דאָרף.

צום גלבוע

באַגעגנט האָסטו מיך מיט אַ שווערן בליק,
אימהדיק אַזוי און גרויס.
דײַן אָטעם איז הייס,
און איך — אַזוי שוואַך,
קוק אויף דיר מיט מורא
אײַנגעוויקט אין שווייס.

דײַן בליק ווערט מילדער
אין די רעגנדיקע ווינטער־טעג,
און אין די זעלטענע,
מיט זון באַצירטע,
שיקסטו מיר בלומען צו,
ווערסטו מיר נעענטער.

איך קוק מיט ליבע איצט צו דיר,
פאַרכישופט פון דײַן גרויסקייט
און פון דיין שטאַרקייט.

אָ,
ווי געדולדיק, ווי גרויס דו ביסט.
דו וואַרטסט אויפן טאָג
ווען רויִק און מיט הכנעה,
כ׳וועל צו דיר קומען
און זיך לייגן בײַ דײַנע פיס.

פּאָענציאַנע

ווי שיין איז דער הויף אין זײַן גרינקייט.
גרין אין אַלע טענער.
נאָר די פּאָענציאָנע
איז אין רויטס געצירט.

ווי אַ הפקר־מויד
זי וואַרפט אַרום זיך הייסע בליקן.
נישט לאַנג געווען גרין ווי אַלע
און איצט, ווי אויף אַ באַל פאַרשמוקט,
זי קוקט מיט אַ לאַכנדיקן בליק
אויף אַלע ביימער.

די אַליוון־ביימער בייגן זייערע גרויע קעפּ:
„נישט פאַר אונדז איר שמייכל,
נישט פאַר אונדז איז איר פּראַכט."

די פיקוסן שיקן איר
אַ טונקעלן בליק מיט קנאה פול:
„ווי שיין זי איז, ווי פּראַכטיק."

בלויז דער טייטלבוים שטייט שטאָלץ,
קוקט פון אויבן אַראָפּ,
„וואַרט נאָר, וואַרט,
אָט קומט דער האַרבסט,
וואָס וועסטו ברענגען דעמאָלט?"

זומער־נאַכט

צו קורץ איז מיר די זומער־נאַכט.
אַ לאַנגע צײַט געהערט דעם ווינט רוישן,
די בלעטער — אַ גאַנצן אָוונט זיך נישט גערירט, —
צערײדן זיך מיט אַ מאָל,
אַלע סודות זיי דערציילן.

מיד פון צוהערן זיך,
פרעמדע מעשיות אויסצוהערן,
שלאָף איך אײַן צום סוף.

די זון גייט אויף,
צעשמייכלט זיך,
צערטלט מײַן געזיכט.
דורך דער וואַנט אַ זייגער קלינגט,
אַ שכן טוט שוין אָן די אַרבעט־שיך,
נאָר איך בין נאָך מיד, מיד.

אוי, ווי קורץ איז מײַן זומער־נאַכט.

אין ערב שׂריפה

אויפן הויכן באַרג
שטייען אין זייער גרינקייט
די שלאַנקע סאָסנעס הויכע.
פון ווײַטן ווינקט מיט ליכטיק אויג
אַ שטיק צעבראָכן גלאָז.
געוועזן אפשר דאָ נישט לאַנג,
אַ גרויסע ווײַסע פלאַש
מיט ביטערן, שטאַרקן בראָנפן.
און אפשר גאָר אַ פלעשעלע אַ קליינס
מיט רפואות, פאַר אַ קראַנקן.
שפּילט זיך מיטן גלאָז די זון
צעהיצט עס,
און ברענט אַרום די גראָזן.

שמייכלט צו דאָס שטיקל גלאָז
און שימערט מיט קאָלירן,
לאָזט אַ קליין רויכל אַרויס
און שפּעט פון אַלץ אַרום;
שיקט אַרויס אַ רויטע צונג,
פאַרבלענדט די גראָזן גרינע,
צינדט אָן אַרום אַ פײַער
און לאַכט פון זון פון פרײַער.

שטייען די שוואַרצע סאָסנע־ביימער,
זייערע קעפּ געבויגן:
„ווי האָט דאָס אַ קליין גלעזעלע,
אַזעלכע גרויסע אויגן?"

שטיינהאַקעריַי

— משהן

דער באַרג,
דער שיינער באַרג,
וויינט
מיט שטויב און מיט שטיינער.
עס טוט אים וויי,
עס קומט צו הילף אים
קיינער.
עס האָט אַ מענטש מיט גרויסער מאַשין
אַ שטיק פון אים געביסן.
די שטיינער גיבן ברויט,
און דער אַרבעטער
וויל מיט כוח
זיַין לעבן זיך פאַרזיסן.
רייַסט ער פון באַרג
דאָס לייַב, די הויט, —
די שטיינער גיבן ברויט.

גאָט אַליין האָט דאָך
אַ ריפּ און הויט
פון מענטשס לייב גענומען
און פון דעם חוהן געמאַכט. —
טראַכט אַזוי דער מענטש:
און איך גיי אין וועג
וואָס גאָט אַליין האָט מיר געוויזן,
פון זיַין גענאָד
איך רייַס און בייַס,
מיַין לעבן צו פאַרשענערן.
נאָר דער באַרג וויינט מיט שטויב:
„אוי, גאָט, דו קוקסט זיך צו און שוויַיגסט!"

אין רעגן

א.

מיר לויפןביידע אין רעגן —
מיַין געליבטער און איך.
זאָג איך צו אים: „איך חלום וועגן אַ שירעם".

צו וואָס? — פרעגט ער פאַרוווּנדערט.
נאָר וואָס איז אַ דעכל
און טראָפּנס וואָס קומען פון אויבן,
און פויסטן אויף צו זאַמלען דאָס וואַסער?

צו אויסשטרעקן פינגער נאַסע,
איינע צום צווייטן,
און פאַרמיַידן דעם טעם
פון קוש, פון נאַסן.

ב.

אין אַ רעגן־נאַכט אַזאַ,
מיַין אַלטער שירעם שטייט אין ווינקל —
עלנט, צעבראָכן און שוואַרץ.

און איך, מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
איך לויף אַנטקעגן דעם רעגן,
כ'פיל די וואַסער־טראָפּנס
אויף מיַין פנים
און פריי זיך, און לאַך.
ס'אַראַ גליק! פּטור פון שירעם —
פון שוואַרצן דאַך!
נאָר איך אַליין
מיטן רעגן ביַינאַכט.

ביידע

אין אַווינטער־טאָג אַ נאַסן
ווען די זון פלוצלינג פאַרשייַנט,
לאָזן ביידע זיך אַרויס
זוכן גליק,
זוכן פרייַנד.

און זיי וואַנדערן
און זיי בלאָנדזשען —
שווער אין פרעמד גליק צו געפינען.
לאָזן ביידע זיך צוריק
צו דער אייגענער וואַרעם־נעסט.

די אַלטע

עס האָבן אײַנגעשטילט שוין
די גרויסע שטורמען,
מילד געוואָרן זענען ווינטן,
פון שנאהס קליינע
און גרויסע קנאהס
אײַנגעשטילט.

גייען זיי ביידע
האַנט בײַ האַנט
איבערגעבעטן מיט זיך
און מיט דער וועלט
פּאָרויס, פּאָרויס, כל־זמן מען קאָן,
צוויי אַלטע, אַלטע לײַט.

טעג פון טרויער

א.

ביסטו פריילעך,
דו לאַכסט,
האָסטו שותּפים אַ סך,
טאָ לאַך זשע, לאַך.
גיסטו טרערן,
גיס אין פינצטער בלויז פאַר זיך.
ווײַל דו אַליין
מיט דײַן געוויין.

ב.

לאָז מיך נישט אַליין
אין נעכט פון טרויער.
איך דאַרף דײַן האַנט
און דײַן גוטן בליק.

ווען טרערן איך גיס שטיל,
איז נאָר דײַן אויער
וואָס הערט זיך צו
צו זיי —
דאָס איינציקע גליק.

אין שטאַל

די קי, זיי שטייען
די קעפּ געבויגן,
זיי קײַען איבער.

וואָס קײַט איר דאָ?
צי דען דעם גרינעם גראָז
פון פעלד געבראַכט?
צי אפשר גאָר דאָס מעשׂהלע,
דעם לאַנגן מו־ו־ו,
וואָס האָט דאָ הײַנט דערציילט
אַ חברטע, אַ צווייטער קו?

אפשר קײַט איר גאָר איבער
די הייסע ליבע,
וואָס איר אַלע פילט
צום גרויסן אָקס?

און אפשר מיט דעם גראָז
קײַט איר דאָ הײַנט אָן צוועק,
די קנאה פון דער אַלטער קו
צום לוסטיק־יונגן קעלבל,
וואָס לויפט אַרום מיט פאַרהייבטן עק?

איר שטייט אַזוי, קי,
און אײַער פוסטער בליק דאָ זאָגט:
„מיר קײַען איבער
דעם נעכטיקן טאָג."

תקופות

בײַ מיר איז געצעלט
שמייכלט תּמיד אַ בינטל בלומען
און אין צריף אויף דער וואַנט,
קומען פּנימער, בלאַסע, מיר אַנטקעגן
פון קעטע קאָלוויץ.

שפּעטער,
אין יאָרן פון בענקען נאָך פאַרלאָזענער היים
האָב איך באַצירט מײַן וואַנט
מיט בילדער פון שיפלעך בײַ ברעגן,
און אַ בילד פון לעוויטאַן „ערב שטורעם״,
איז מיר שטורמיק אַרום,
איך בענק נאָך מײַן היים.

אין זוניקע יאָרן —
בילדער פון בלומען און קאָרן
און וואַן גאָר אין זײַן שטרויענעם הוט.

לויפן טעג, לויפן יאָרן,
אומרו און מלחמות,
מאָרגן געלייקנט וואָס הײַנט געזאָגט.
ווער קאָן דען פאַרשטיין
וואָס שווער איז צו פאַרטײַטשן?

לויף איך מיר זוכן
אַ בילד גאָר אַ נײַס,
עס זאָל רעדן צו מיר פון וואַנט.
האָב איך געזוכט און געפונען
אַז עס הענגט אויף מײַן וואַנט —
אַ געקויפּטס גראָד הײַנט: —
אַן אַבסטראַקט...

קאַרשן

אין אַ טאָג פון חסמין
וואָס איז דאָ בעסערס ? —
דו עפנסט פון דייַן הויז די טיר,
און אַנטקעגן גייט דיר
אַ טעלער אַ ווייַסער
מיט רויטינקע קאַרשן.

צעגיסט זיך אַ שמייכל
אויף דייַנע ליפּן,
און שטיל דו לויפסט צום טעלער צו
ווי אַ קאַץ.

דו כאַפּסט אַ קאַרש גלייַך אין מויל,
דערפילסט דעם טוי, דעם קאַלטן.
פאַרמאַכסט די אויגן
און זעסט דייַן מאַמען
מיט אַ קוישל קאַרשן
קומען איצט פון מאַרק...

כאַפּט אַרום אַ זיסקייט דיך,
און עפנט צוריק די אויגן: —
דער חלום איז פאַרפלויגן,
פאַרשווומען איז דאָס זען
געבליבן איז גאָר אַ טעלער אַ ווייַסער,
מיט רויטע קאַרשן
אייַנגעוויקלטע, אין פּלאַסטיק...

מזל־טוב

— צבי און לאהן

גוט־שבת אײַך,
מײַנע פרײַנד בעסטע,
אַ מזל־טוב אײַך בײדע —
עס שמײכלט צו די באָבע,
עס שמײכלט אויך דער זײדע.
עס גיסט זיך גלײַך אין גלאָז דער ווײַן
עס פינקלט אויך דער בליק,
נאָר אַ טרער דערמאָנט אין שווערער פּײַן
און פאַרמישט זיך מיטן גליק: —

„געווען אַ מאָל אויך דאָ ביי מיר,
צוויי קינדערלעך, שײנע.
געבליבן איז נאָך שווערן קריג,
געבליבן נאָר אײנע."

ווײנט זיך צו די באָבעשי
און ווישט זיך ווישט די אויגן,
און כאָטש פרײלעך איז און וואַרעמלעך —
בלײַבט דער קאָפּ געבויגן.
דעמאָלט הײב איך מײַן בעכער הויך,
און שעפּטשע שטיל אין אויער:
„טרינקט לחיים גוטע פרײַנד,
און ווייסט נישט מער פון טרויער."

אַ צווייטער צווילינג

אַ ברוין יונג פערדעלע
פּאַשעט זיך אין גראָז;
דעם עק פאַרהויבן, לויפט אַרום
און שמעקט צו מיטן נאָז.

די אויגן טרויעריק פאָרויס
עס גייט אַוועק פון דאַנען,
אין פרעמדער סטאַדע פּאַשעט זיך,
מיטן העלן עק ס׳צווייטע.

ווערט מיאוס די צוויי יונגינקע,
לאַנג צו גיין אַליין אַזוי,
באַשליסן זיי אַ וואָגן שלעפּן
מיט רעדעלער, מיט צוויי.

די צײַט זי שטייט נישט,
און יאָרן גייען העט פאַרבײַ,
דער טאַטע רוימט דער מאַמען אײַן:
„זאָלן רעדער זײַן כאָטש דרײַ.״

לאַכט צו דאָס מאַמעלע צום טאַטן:
„פאַרלאָז זיך נאָר אויף מיר.
אויב רעדער צוגעבן זאָל איך דאָ,
זאָלן זײַן שוין אַלע פיר.״

פרילינג

דאָס גראָז איז גרין,
איך טרעט מיט באָרוועס־פיס
און קום מיר אָן צום טײַכל.
איך בייג מײַן קאָפּ אײַן
אַזוי שטיל און רויִק,
ווי עס פליסט און פליסט דאָס וואַסער.

נאָר פלוצים גאָר אַ שטיפערײַ,
עס כאַפּט מיך אָן אַ ווילן —
איך וואַרף אין וואַסער זיך
און ווער אַ פישל גאָר,
און שווים פאָרויס און צוריק.

דאָס וואַסער בלוי איז
און גאָלדט זיך פון דער זון.

און איך, — אין מיר איז
אַ בלויקייט פון הימל און פון וואַסער,
און גאָלד פון זון — אין די כוואַליעס.

טייבעלער

כ׳האָב ליב געהאַט די טייבעלער
וואָס שטייען אויף מײַן דאַך,
ווײַסע, שאַרע, שוואַרצינקע,
שטענדיק אויף דער וואַך.

ליבן איינע די צווייטע שטאַרק,
די קעפּעלער פֿאַרבויגן,
פּיקן זיך און וואָרקען זיך,
נישט מאַכן צו די אויגן.

נעכטן אָבער האָב איך זיך
געבייזערט שטאַרק אויף זיי,
מיר זענען ביידע דאָ אין שטוב,
זיי קומען אָן די צוויי.

קוקן גלײַך אַרײַן אין פֿענצטער,
וואָרקען אונדז אַרײַן.
זיי ליבן זיך אַוודאי ביידע,
ווי קאָן דאָס אַנדערש זײַן?

אינמיטן הייבן זיי די פֿליגל אויף
און פֿון מיר אַוועק צום שכן,
זיי וואָרקען דאָרט, דערציילן דאָרט
וואָס געזען זיי האָבן דאָ,
נישט מיט איין וואָרט, נישט מיט צוויי,
מיט וואָרקעלער גאָר צען.

איך כאַפּ אַ שטעקן און לויף מיט כּעס אַרויס;
„באַרעדערקעס, רכילות־טרײַבערס,
פֿון אונדזער ליבע — אויס!״

די אַלטע גערטנערין

זי זיצט און שטריקט,
דעם לעצטן טרייסט וואָס בלײַבט.
מיט פאָדעם און צוויי דינע שפּיזלען —
די צײַט פאַרטרײַבט.

זי ציט דעם פאָדים
און די געדאַנקען ווײַט,
דערמאָנען איר די אַרבעט
פון פאַרגאַנגענער צײַט.

דאָס בייגן זיך אין היץ
איבער דער בייט אין גאָרטן,
און ווי שווער עס איז געווען,
און ווי גליקלער
געוועזן איז זי דאָרטן.

געגאַנגען פרי מיט קאַן פול וואַסער
ווײַט אין פעלד אַרײַן,
און יעדער טראָפּן האָט איר געשמעקט
ווי דער זיסטער ווײַן,
דער בעסטער.

די אוגערקעס בלײַען געל,
די קאַרטאָפל — ווײַס,
זי יעט אויס די בייט
און ווישט מיט האַנט דעם שווייס.

זי גייט מיט שיך באַקלעבט מיט ערד.
זי שלעפּט אַזוי זיי מיד.
נאָר די יונגע ליפּן הילכיק זינגען
אַ פריילעך ליד.

זי זיצט און שטריקט, און טראַכט און טראַכט:
נישט סתּם אַזוי אַוועק די יאָרן
זי קוקט פאָרויס זי שעמט זיך נישט
און ווישט די אויגן אויס.

צוויי בערג

די לופט איז לויטער, מילד.
די זון רויטלט זיך
און מאַכט איר וועג קיין מערב.

דער באַרג אַנטקעגן איז טונקל —
איינגעהילט אין אַ טיף־בלוי קלייד.

פּלוצלינג שיקט ער אונדז
אַ גאָלדענעם בליק פון ווייטן
און נאָך איינעם, און נאָך.
אָט שטייט ער שוין
געשמוקט ווי מיט בריליאַנטן,
באַצירט מיט טויזנטער פּערל.
עס פינקלען פּייערלעך פרייַנדלעך.
דאָס גריסט אונדז שכנישער קבוץ,
נאָך אַ שווערן, זומערדיקן
אַרבעטס־טאָג,
פון באַרג צו באַרג.

דער גוטער טויער

שטייט אַ הויז,
אַ סאָד,
אַ גאָרטן;
אַנטקעגן אַ הויז —
דאָ ווי דאָרטן.

מען אַרבעט דאָ אַלע
עס פעלט נישט קיין ברויט,
דאָך די צוויי הײַזער
טײַלט אָפּ אַ פּלויט.

עס בלאָזט אַ שטיל ווינטל
אַוודאי מיט קנאה,
עס ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער
עס שיט שוין מיט שׂנאה.

פון איבערן פּלויט
פאַלן שטיינער אַראָפּ,
און איינער דעם צווייטן
פּלעטן דעם קאָפּ.

עס ווערט אָבער מיאוס
און עס קומט אָן אַ דור,
וואָס וואַרפט צו דעם שכן
גאָר ווערטער אַ פּאָר:
„ווי גוט איז צו עסן
פון שכנישן בוים,
אין פרי̇ען פרימאָרגן,
אַ זיס־קאַלטע פלוים.

ניט שלעכט איז
ווען ס׳מיידל פון שכנישן הויז
שיקט מילדן בליק
צו אַ ייִנגל אַרויס..."
דער ווינט ווערט שטילער,
ער שעפּטשעט אין אויער:
דער שכן האָט היינט דאָ
געעפנט אַ טויער"
און שטיל און באַשיידן קומען אָן פרייַנד.

און אפשר ניט הייַנט,
ערשט מאָרגן, מאָרגן
וועט שלום אויך קומען
מיט אויסגעשטרעקטער האַנט.

פעלד־אַרבעטער

עס גייען שפּאַצירן
דער טאַטע, דער אַלטער, און דער זון
(אויך זײַנע האָר שוין ווײַס),
זיי קוקן אָןביידע
די פעלדער, די ווײַטע,
באַאַרבעט מיט בלוט און מיט שווייס.

דער טאַטע, ער בענקט
נאָך די טעג, נאָך די לאַנגע,
ווען פאַרבראַכט מיטן אַקער אין פעלד,
די זון באַקט פון אויבן,
צי אַ בייזער ווינט יאָגט אין נאַקן
און ער פון פרימאָרגן
אַקערט אין היץ און אין קעלט.

דער זון קוקט מיט ליבע
אויף בייטן, אויף לאַנגע,
אויפן טראַקטאָר וואָס שנײַדט דאָ די ערד.
ער גלעט מיט די הענט
דאָס אײַזן, דאָס קאַלטע,
ער קען נישט קיין אַקער, קיין פערד.

צוויי דורות, צוויי שפּראַכן,
די ליבע די זעלבע
צום פעלד,
צום גאָרטן,
צום סאָד.
אַז די דורות גייען,
פאַרבײַטן זיי נײַע,
אַזוי אָ דרייט זיך דאָס ראָד.

מייַן שאָטן

— מאירקען

אַז איך לאָז מיך אַרויס
אויף לאַנגע וועגן,
דעם רוקזאַק אויף פּלייצע
און די אויגן פאָרויס
איז מייַן שאָטן געשמידט צו מייַנע פיס.
אָ, ווי גרויס דו ביסט!
ווי מונטער זענען מיר ביידע,
מיר.

נאָר אַז די זון ברענט שטאַרק
אויף די שטעגן
און דו ווערסט קלענער און קלענער,
ווילט זיך מיר פרעגן:
ווי לאַנג איז
אַז דו ביסט בייַ מייַנע פיס מיר געלעגן,
געטוליעט זיך צו מיר, אַזאַ קליינער.
ווו ביסטו איצט?

די זון פאַרגייט
און איך
צוריק שלעפּ די פיס, מיד
אויף לאַנג־באַקאַנטע וועגן.
דעמאָלט וואַקסטו פלוצים צוריק אויס
און דו פירסט שטאָלץ מיך אַהיים,
אַזאַ גרויסער
מיך — דעם וואַנדערער, פון פרעמדע וועגן,
דו, מייַן שאָטן.

דאָרף־פּאַסטאָראַלע

איינע האָט ליב קעצעלעך ווײַסע, די אַנדערע — שוואַרצע
וואָס טוליען זיך ליב צו אירע פּיס.
אויך צו מײַנע!

דער צווייטער פאַרליבט איז
אין הינט גאָר גרויסע,
זיי באַגריסן אים פרײַנדלעך בײַטאָג און בײַנאַכט.
אויך מיך.

דער דריטער — פישעלעך קליינע,
וואָס לײַכטן אין וואַסער.
די זשאַבעס, זיי ליבן זיי אויך
און זינגען סערענאַדעס אין די נעכט
צו זיי.

דאָס ייִנגל פון אַנטקעגן,
ער ליבט נישט קיין קעץ
און קיין הינט,
נאָר די שכנה, די יונגע,
די שיינע.

אין אָט די נעכט,
צווישן האַוקען און מיאַוקען,
און קוואַקען פון זשאַבעס,
און די קושן די הייסע פון יונגוואַרג,
ווער איך מיר
זײַדענע פעדים פון שלאָף.

די נײַע װוינונג

אַ װוינונג אַ נײַע,
איז די שטרעבונג פֿון אַ יעדן: —
זיך קלײַבן.
נעמט מען אַ טיש,
אַ באַנק,
די קליידער פֿון שאַנק,
פֿון קיך דאָס געפּעס.
מען קלײַבט זיך.
מען טראָגט אין געדאַנק פּלענער פֿון ריכטן,
פֿון שטעלן,
פֿון מאַכן
אַלץ בעסער און שענער,
און נישט װי ביז איצט איז געװען.

לאָזט מען די װענט דאָ פּוסטע,
לערע
און אַװעק.
אָבער געבליבן אין די װענט איז
דאָס פֿריילעכע לאַכן פֿון קינדער,
אַ ליד בײַם װיגל געזונגען,
אין טעג פֿון בענקשאַפֿט,
פֿון קרענק,
אַ געװיין פֿון אַ קינד,
און דאָס זיפֿצן און מורמלען פֿון גליק
אין װינטער־נעכט,
אין לאַנגע.

אַ װוינונג אַ נײַע;
ליידיקע װענט באַגעגנען דיך דאָ.

נאָר אפשר דערציילן דיר,
די ווענט אָט די נײַע,
פון ליבעס, פון פרעמדע,
און פון עמעצנס גליק.
אפשר פון טרויער,
פון נאַכטיקע רייד?

געביטן די וווינונג.
אַ קליינע מענטשלעכע פרייד.

אַ געבורטסטאָג

טראָפּנס געציילטע זענען קוים אַראָפּ
און אונדזער באַרג
שוין פאַרלירט דעם קאָפּ.
טוט אויס זײַן גראָ זומער־קלייד,
און אָן שום טענות,
אָן שום רייד,
פאַרפּוצט זיך גאָר אין גרין.
ער נייגט זײַן ברוינעם קאָפּ,
וואָס דעקט זיך צו
מיט גראָז גרינעם,
און שיקט אַ בליק, אַ פריילעכן
צום טאָל — באַגינען.

דער קיבוץ יום־טובט דאָרט —
דער קיבוץ האָט געבורטסטאָג הײַנט.
זאָל אים זײַן מיט מזל!
אַמאָל, מיט יאָרן אַ סך צוריק,
האָבן יונגע דאָן — דער ערשטער דור —
צעלייגט זיך דאָ בײַ זײַנע פיס
אין געלטן.

הײַנט איז אַלץ צעוואָקסן דאָ —
געביידעס הויכע, קינדער שלאַנקע
געקליידט אין ווײַס,
נאָר די קעפּ, די יונגע, זענען גרוי,
פון די ערשטע, געקומענע אַהער
פון היימען וואַרעמע,
צו בויען דאָ
אויף וויסטן לאַנד,

אַ היים פֿאַר זיך,
אַ היים פֿאַר נאָך.

הייבן זיך איצט הויך די פּיס
פֿון קינדער יונגע בײַם טאַנץ,
און עס טופּען צו
צום טאַקט גאָר זיס,
די אַלטע, די בויער פֿונעם לאַנד.
און דער גלבוע שמייכלט דין :
— פֿאַר אײַך געפּוצט בין איך אין גרין.
פֿאַר אײַך !

די וואַדי

צוויי מידע פּיס געשלעפּט האָב איך
צו דיר,
דיך צו זען.
דו האָסט דאָך מיר אַזוי פיל פרייד געבראַכט,
מיט דײַן גרינקייט,
מיט דײַנע פאַרשיכּורדיקע ריחות.

האָסט געבליט מיט הונדערטער קאָלירן,
אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג.
האָב איך צו דיר מײַן יוגנט געבראַכט,
מײַנע ליבעס און טרוימען.

באַקט די זון די שטיינער דײַנע,
דײַן ביסל ערד פאַרברענט.
דערנער גרויסע, שטעכיקע,
קומען מיר צו האַנט.
נישט זיי קאָנען גלעטן מיך,
נישט שטילן מיר מײַן אוי.
הילכט דערפאַר צווישן בערג
מײַן פּײַן צו דיר, מײַן פּײַן.

אַז עס גייט דורך אַ זומער,
ווער איך גראָער און גראָ.
און דו? —
דו, מיט דײַנע הייסע קאָלירן זומערדיקע —
רויט, בלוי און געל —
מיט דײַנע ריחות שיכּורע
נעמסטו מיך אַרום,
צאַרט אַזוי און פרום.

דו שעצסט דײַן עלטער,
דו זאַמלסט כּוחות אויף נײַעם בלי.
און איך —
ווי געשטאַנען כ׳וואָלט אויף קני,
באַוווּנדער דײַן נײַע יוגנט.
אָ, ווי גרויס דו ביסט!
און ווי קליין שטיי איך אַנטקעגן דיר,
דו, וואַדי קליינע,
צווישן צוויי גרויסע, גרויסע בערג.

נאַכט אין דאָרף

נאַכט,
עס שלאָפט דאָס דאָרף.
ערגעץ־ווו שרײַט אין שטאַל אַ קו —
„קומט, העלפט, איך ברענג דאָ אײַך
אַ קעלבעלע, אַ נײַס".

די הינער, די ווײַסע, שלאָפן.
געאַרבעט שווער דעם טאָג,
געלייגט די אייער,
זאָל איצט שטיל זײַן,
דער שלאָף איז אַזוי שווער.

די פענצטער זענען פינצטער,
נאָר איינס ווינקט פון ווײַטן.
דאָרט לערנט אַ מענטש,
נאָך אַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג אַוודאי.
און אפשר — נאַס פון שווייס
ליגט ער דאָרט עלנט איינער
און בעט אַ ביסל וואַסער?
און אפשר דאַרף ער קיינעם נישט
נאָר סתּם אַזוי אַליין
ער העלפט דער נאַכט פאַרגיין?

עס שלאָפט דאָס דאָרף.

פרעמדע לידער

איך זיץ בײַ מײַן טיש
און לייען לידער,
ווי געשריבן עס וואָלט זיי אַ פרעמדער.
איך זע, ווי אין שפּיגל, מײַנע געדאַנקען
איך זע זיי אין פרעמדע לידער.

אָט איז די רויז,
וואָס האָט הײַנט בײַנאַכט
אין מײַן גאָרטן פאַרבליט;

אָט איז דאָס זינגענדיקע פייגעלע,
וואָס שטייט אויף אַ צווײַגל
בײַ מיר אויפן בוים.

ס'איז דאָך מײַן קינד, —
דאָס יינגל מיטן ביקס אויפן אַקסל,
דער חבר, וואָס שטייט אויף דער וואַך —
מײַן, מײַן.
און איך לייען לידער ווי פון פרעמדע.

די אותיות, אַ האָרדע אַ גאַנצע,
מיט שעפּסן נישט מײַנע,
נישט מײַנס איז דאָס פעלד,
נישט מײַנס איז דאָס ליד.

לייען איך לידער פון פרעמדע?

פון דער „צאינה וראינה"

די מוטער חוה

די מוטער חוה כּעסט זיך
זי וויל נישט לײַדן מער,
בײַ איר אין אייגן הויז
איז נישט איר מאַן דער הער.

נישט אָנרירן דעם עפּל! —
דאָס איז דער פֿאַרבאָט
און תּנאי וואָס געשטעלט האָט
פֿאַר זיי דער גרויסער גאָט.

דאָס ווערימל און דער שלאַנג,
זיי לאַכן דאָך פֿון זיי.
ס'איז דען אַ גן־עדן?
ס'איז אַ שטײַגל פֿאַר די צוויי.

בונטעוועט זיך חוה און פּרעפּלט:
ס'איז דאָך אַ גרויל.
זי רײַסט אָפּ אַ רויטן עפּל
און עסט מיט פֿולן מויל.

אָדם מיט חוהן
גייען טראָט בײַ טראָט,
אַרויס פֿון גן־עדן,
פֿאַרשאָלטענע פֿון גאָט.

נאָר פֿרײַ זיי זענען ביידע,
נישטאָ שוין מער קיין צוים.
געלעזט האָט זיי די פֿראַגע
דאָס עפּעלע פֿון בוים.

צו אָדמען

א.

מאַן דו,
שטאַרקער מאַן מייַנער,
וואָס איך בין נאָר אַ ריפּ פון דיר,
אַן עזר כנגדו,
ווּ איז דייַן שטאָלץ,
ווּ איז דייַן מוט? —
דו שטייסט אַנטקעגן עץ הדעת
און וואַרטסט,
אַז איך, די שוואַכע חוה,
זאָל דיר דעם עפּל דערלאַנגען.
ווּ איז דייַן באַדאַרף לערנען צו ווּעלן.
אַ מענטש צו זייַן.
דו, אָדם?!

ב.

שטיי מיט ביידע פיס דייַנע
שטאַרק אויף דער ערד.
פילנדיק די האַרטע גרודעס
קאָנסטו דייַנע אויגן פירן
ווייַט, ווייַט אַרום.
אייַנזאַפּן אין זיך קאָלירן
זיי זאָלן גענוג זיין
פאַר דייַנע לאַנגע טעג.
די געדאַנקען קאָנסטו לאָזן
אין די הימלען הויכע פליִען
אויף צו געבן מוט דיר און דייַן וועג.
אָבער פאַרגעס נישט שטיין מיט פעסטע פיס
אויף האַרטער ערד.

רחל מיט די תּרפֿים

איך גיי מיט דיר,
איך פֿאַרלאָז מײַן טאַטע־מאַמע,
איך פֿאַרלאָז מײַן היים,
דעם שיינעם, גרינעם גאָרטן,
די פֿעלדער, שאָף,
דעם נאַסן שטיין בײַם ברונעם,
איך גיי מיט דיר.

אָבער די קליינע געטער
וואָס איך האָב אַליין
פֿון ליים מיט מײַנע הענט געמאַכט —
די נעם איך מיט;
מיט זיי וועל איך זיך טיילן
אין פֿרייד און טרערן
אויף מײַן נײַעם וועג.

דײַן שטרענגער גאָט,
ער קאָן מײַן האַרץ נישט שטילן,
ווען בענקען וועל איך
נאָך מײַן אַלטער שטאָט.

תּמר

די קנאה פּרעסט
די ווײַב פֿון יהודה: —
ווי הויך, ווי שיין
איז תּמר.

„מײַן זון איז אַ קינד
אַזאַ שוואַכער,
און ווי אַ צעדערבוים
איז זי תּמר.”

וואַקסט בײַ דער מאַמען
די שׂנאה: —
ווי אַ זאַפּטיק פּרוכט
איז תּמר.

יהודה — זײַן בליק איז טונקל,
און ווערט טיפֿער און טיפֿער
ווען ער קוקט אויף זײַן שנור,
אויף תּמר.

עס שטאַרבן אָפּ
אַ זון נאָך אַ זון,
פֿאַרברענט פֿון דער הייסער
תּמר.

די מאַמע פֿול שרעק,
און פֿול שׂנאה,
שיקט אַהיים די יונגינקע שנור
תּמר.

„יאָרן װוּסטו װאַרטן
אויף חליצה,
דו, פאַרשאָלטענע שנור,
דו תּמר!"

נאָר יהודה טראָגט זײַן תּאווה,
אײַנגעװיקלט אין צער.
אויפֿן קרייצװעג װאַרט ער אָפּ תּמרן,
יהודה, דער האַר.

צלפחדס טעכטער

דער טאַטע געשטאָרבן,
נישטאָ שוין דער טאַטע.
פינף טעכטער בייגן די קעפּ,
באַשיטן מיט אַש זיי, און וויינען און קלאָגן: —
„צו אונדזער שיין לעבן געקומען איז דער סוף."
עס שטייען בײַם טויער די פעטערס, די אַלטע,
אין אויגן, מיט תּאווה, אַ גלאַנץ.
דאָס רײַכטום פון צלפחד
מיר טיילן זיך אַלע,
ער האָט דאָך נאָר טעכטער אַ קראַנץ.

הייבט אויף איר קאָפּ
די טאָכטער די יינגסטע,
דער בליק איז מיט אומעט, נאָר שטרענג:
נישט טרויערט איר שוועסטער,
קומט אַלע צוזאַמען —
געקומען אַ צײַט פון געראַנגל.
לויפן די שוועסטער צום טויער פון שבט,
און טענהען און שרייען דאָרט זיי:
„מיר האָבן באַאַרבעט די פעלדער, דעם גאָרטן,
דעם טאַטן, דעם קראַנקן, געהיט,
ווו זענען געוועזן,
די פעטערס, די שיינע,
זיי האָבן זיך גאָר נישט באַמיט.

און משה רבנו, דער פירער, דער קלוגער,
הערט אויס די טעכטער די פינף.
און עס ווערט דאַן געפּסקנט
איינמאָל אויף אייביק:
ירושה קומט טעכטער ווי זין.

בת־שבע

בת־שבע וואַשט זיך אין אַ פּײַלע,
אויפֿן ברייטן דאַך,
און פֿון ווײַטן,
פֿון אַ פֿענצטער,
קוקט איר דער קעניג נאָך.

באַלד וועט דאָך קומען אוריה צו איר,
אַ שווער לעבן האָט זי בײַ אים.
שטענדיק איז ער, דער הויכער אָפֿיציר,
אויף מלחמה,
שטענדיק אויפֿן פֿערד,
אָנגעטאָן אין שווערן פּאַנצער,
אין האַנט — אייביק די שווערד.
אמת, זי איז שטאָלץ בײַ זיך,
עס פֿעלט איר נישט קיין זאַך,
באַמערקט אַפֿילו זיך וואַשנדיק,
דעם קעניגס בליק פֿון דאַך.
זי הערט: —
ער זינגט איר סערענאַדעס דאָרט
און שפּילט זיך צו מיטן פֿידל,
ער קלערט אויס פֿאַר איר יעדעס מאָל,
אַ ניי, שיין לידל.
זי איז הויך און פֿול און
ער איז קליין און איז רויט,
דערצו נאָך — ווײַבער אָן אַ צאָל,
און ווייסט נישט פֿון קיין נויט...

און זי? —
זי בענקט נאָך איר אוריה

דעם שיינעם אָפיציר,
וואָס אויף דעם פערדל יעדע נאַכט,
יאָגט זיך צו איר.
ביַי אים איז זי בת־שבעלע,
אַ שעפּעלע, אַן איינציקע, אַ קרוין.
אַט קומט ער באַלד אָן,
און אפשר גאָר פון היינט אָן,
וועט ער בליַיבן מיט איר אין דער היים.

יאָגט זיך אוריה אַהיים,
שוין נישט געווען דאָרט אַזוי פיל טעג,
אים פאַלט נישט איַין גאָר,
אַז דער טויט לויערט אים אין וועג.

— — — — — — — — — —

גענומען האָט זיַין שעפּעלע
דער קעניג מיט געזאַנג
און אוריה ליגט אויפן שלאַכטפעלד,
אַן אונטערגעשניטענע זאַנג.

אין מײַן אַלטער הײם

דער משפּחה־אַלבאָם

די באָבע מיטן שבתדיקן שאַל,
מיטן לאַנגגן,
דער זיידע אינמיטן,
אַרום אים —
טעכטער און זין.
אַן אייניקל —
די אויגן צוויי פלוימען,
מיט צעפּעלעך לאַנגע אַ פּאָר.
פּעטערס און מומעס
מיט בלומען אין האַנט
אַ קלייניקער יינגל
מיט אַ פידל, —
דאָס האָט אים דער טאַטע
פאַראייביקט,
אין משפּחה־אַלבאָם.

צוויי מיידלעך אין קליידער,
אין לאַנגגע,
נאָר־וואָס געענדיקט די שולע.
בילדער פון זיי
מיט חברטעס פיל,
ווי זיי זיצן און לערנען,
צי אין פּאַרק ביים שפּילן זיך
און טאַנצן.
„דאָס רייסט מען די שיך" —
די מאַמע פלעגט אויף דעם זאָגן.
און סאָניעס און מאַניעס
אין פאַרשיידענעם עלטער,
ווי זיי יאָגן די רייפן,
און שפּעטער מיט יינגלער,

און בילדער פון די ייִנגלעך : —
אָט איז עליע דער גרויסער,
עס פעלט אים די שטאָלצקייט,
ער איז ביַי זיך קליין.
און עליע דער קליינער,
וואָס האַלט זיך גאָר גרויס...
און יענקל און בערל.
און שיקסעס אַ סאַך, —
אַלע געלערנט אונטער איין דאַך.

אָט די באָבע מיטן שבתדיקן שאַל,
מיטן שוואַרצן,
דער זיידע מיט די קינדער,
די פעטערס, די מומעס,
זענען אַלע נישטאָ מער.
זיי זענען צו שחיטה געגאַנגען.
און אויפֿן גרוב, אויפֿן גרויסן
עס וואַקסן נישט קיין זאַנגען,
נאָר גראָז, נאָר ווילדע
און דערנער.
און וולאַדעק שפּאַצירט דאָרט,
מיט וויַיב און מיט קינד,
און אירקאַ די בלאָנדע,
זי פרעגט נישט אַצינד
ווו זענען אירע חברים
פון שולע און שפּיל.

און קינדערלעך קליינע,
מיט פינגערלעך דינע,
מישן די בלעטער און מישן
פון משפחה־אַלבאָם.

מייַן שטאָט

אַ שטעטעלע, אַ קלייניניקס,
צווישן לענדער צוויי.
די מענטשן וואָס לעבן דאָ
פאַרהאָרעוועט זענען זיי.

רחל־לאה — פון פרימאָרגן
שלעפּט צוויי קאַנען מיט מילך,
ר׳ איטשע, דער גרויסער גביר,
האַנדלט מיט שיך.

ר׳ עליע האָט אַ גאָרטן אַ גרויסן
מיט אוגערקעס און גרינס אַ סך,
דער אַלטער לייזער אַרבעט אַזוי שווער —
מיט פּעך ער שמירט יעדן דאַך.

יאַנקעלע דער בלאָנדער, דער שטאַרקער —
ער איז פון שטעטל דער שמיד.
שטייט ער דאָ פון פרימאָרגן
פון אַרבעט פון שווערער — מיד.

ער קלאַפּט מיטן האַמער אויף קאָוואַדלע,
דאָס אײַזן האַרט איז און הייס,
און יאַנקלען וואָס הייבט איצט דעם האַמער,
באַדעקט און באַגיסט אים אַ שווייס.

פּרנסות זענען דאָ דאָ אַ סך,
נאָר דאגות מערער, אָן צאָל.
און אַלע אינאײנעם זיך פרעגן,
צי וועט ווערן דאָ אַנדערש אַמאָל?

מיכאַלישאָק

אַ שמאָל געסל אַ לאַנגס,
אויסגעלייגט איז מיט שטיין,
פֿאַר אײַך איז דאָס גאָרנישט מיט גאָרנישט,
פֿאַר מיר — די וועלט אַליין.

עס שפּילן זיך דאָרטן קינדערלעך
שיין אַזוי, גוטע פֿרײַנד,
און אַמאָל אויך זיי צעשלאָגן זיך,
אַזו ווערן גאָר זיך פֿײַנד.

עס טומלט און טומלט זיך אין געסל
אַ לאַנגע, אַ גאַנצע וואָך,
אָבער שבת ווערט אַזוי ציכטיק,
עס הערט זיך נישט קיין הויך וואָרט.

דער גאַנצער טומל ט׳אויפגעהערט,
און אַלע פֿון קליין ביז גרויס,
צום האָלצערן שולכל מען לאָזט
מיט שלווה זיך אַרויס.

פֿאַר אײַך איז דאָס אַ געסעלע,
אַ שטיבעלע, אַ צעלט.
פֿאַר מיר איז דאָס אַ וווּנדערלעך דערמאָנען
אין אַ פֿאַרלוירן־געגאַנגענער וועלט.

דער סערוויז

דער באָבען לזכר

קינדער, ברענגט דעם קידוש־בעכער,
דעקט צו שיין דעם טיש,
לייגט אויס לעפל, גאָפל, מעסערס,
שטעלט אויס דעם סערוויז.

אָט זענען די טעלערס —
ווי גלײַך זיי זענען אַלע,
דאָך יעדער אַנדערש געשמוקט,
איינע מיט פישעלעך, איינע מיט פרוכט
און אַנדערע מיט בלומען פאַרצוקט.

דאָ רופט זיך אָפּ איינע:
„קוקט מיך נאָר אָן! —
איך בין גוט דאָך
פאַר פלייש און פאַר פיש!״

קוקט אָן די צווייטע,
באַשיידן זי איז —
וואָס וועט זי דאָ ברענגען צום טיש?
און איינע פאַרזאָרגט איז:
— איך בין דאָך אויך שיין —
פאַרוואָס דערלאַנג איך נאָר כריין?

זאָגט דאַן די מאַמע צו קינדער,
בײַם דעקן דעם יום־טובדיקן טיש:
„האַלט זיך אַלע צוזאַמען;
ווײַל ברעכט זיך נאָר איינע,
איז אויס מיטן גאַנצן סערוויז.״

אין גאָרטן

בײַ רחל־לאהן אין גאָרטן
אַ שטעלכל דאָרט שטייט.
אַ קליינע שטאַל, אַ הויכינקע
אַנגעשפּאַרט אָן פּלויט.

פרעגט איר דאָך אַלע: וואָס איז דאָרט?
איז דער ענטפער: —
אַלץ וואָס אויף דער וועלט,
קאַרטאָפל און מערן און
האָלץ אויף ווינטער־קעלט.

נאָר פּאַר מיר מיט מיכלען,
איז אין שטעלכל דאָ
אויך נאָך אַ זאַך:
דאָרטן צווישן האָלץ און קאַרטאָפל
איז אַ גרויסער לאָך אין דאַך.

קלעטערן אַזוי זיך מיר ביידע,
און דערקלעטערן אַהין קוים־קוים.
און אָט זענען מיר אונטער די צווייגן
פון קאַזשיקס עפל־בוים.

און מיר זעצן זיך צו דאָרט ביידע,
אין שאָטן פון שמעקעדיקן בוים,
און מיר וועבן דאָרט נאָר ביידע
אַ שיינעם יונגן טרוים.

אין שולע

— באַשען

צו דעם קליינעם מיידעלע
זאָגט די מאַמע מיט חן:
„ביסט, אַן עין־הרע, טאָכטערל,
אַ קלוגינקע, מײַן קרוין.
העלף זשע, ליב טאָכטערל,
אין שטוב אַ ביסל אויס,
נעם דיין קליין שוועסטערל
מיט דיר אין קלאַס אַרויס.

קלערט דאָס קלוגע מיידעלע:
ס'איז נישט פאַר מיר קיין צוועק,
אויפן וועג אין קלאַס צו שלעפּן זיך,
ווי מיט אַן אָנגעבונדענעם עק.

נעמט זי אַרויס אַ טינטער מיט טינט
פון זעקעלע פון קליינעם
און זאָגט צו איר שוועסטערל: —
„זע, נישט גיס דאָס אויס.
ווײַל ווער אין קלאַס אָן טינט גאָר קומט,
דעם שיקט מען גלײַך אַרויס.״

שפּילן זיך קינדער אַלע,
גייענדיק אַהיים, אין גאַס,
נאָר איין מיידעלע, אַ קליינינקס
שטייט, פון טרערן נאַס.
אַלע שפּילן זיך, נאָר זי
שטייט אַליין בײַ דער וואַנט.
זי זייגט דעם פינגער פון דער רעכטער
און דעם טינטער האַלט זי אין דער לינקער האַנט.

אין אַ ווינטער־טאָג

דאָס שמוציקע וואַסער
פון רוי איז פאַרפראָרן.
אויף אים — אַ ווייַסער,
ריינינקער שניי.
און איך מיט יהודהלען
אויפן לאָד פון שמוציקן וואַסער,
מיר ביידע, מיר צוויי.

אַ שפּיציקער שפּאָן אויף די שיך,
און היידאַ, פאַרויס צו דער וועלט!
איך מיט מיין ברודערל יהודה
נאָר מיר ביידע,
מיר צוויי.

דעם שכנס גאָרטן

א.

איך געדענק דעם גאָרטן, דאָס שטיבל,
די בריק, און אויבעט דעם רוי;
דעם סאָד מיט די ביימער פול פּירות
פון דעם אַלטן יוזעף, דעם גוי.

אַרום אים זענען געוואָקסן
רויזן, ווייַסע און רויטע,
און קליינינקע בלומען בלויע
און מאָן צו שיטן אויף ברויטן.

און מיר, מיט פינגער אין מויל,
קינדער פאַרטראַכטע בייַם פּלויט,
זאַפּן די הייסע קאָלירן
פון בלוי, פון ווייַס און פון רויט.

ב.

אין קינדערשע יאָרן גליקלעכע
געהאַט האָב איך ליבעס אַ סאַך.
איינע פון זיי געווען איז
דאָס הויז מיטן גלעזערנעם דאַך.

אַרום אים — אַ גאָרטן מיט בלומען,
צוויי שורות מיט קרוגן,
ברוין־שוואַרצע פון ליים,
אַ גרויסע שיסל
מיט קראַנצן פון בלומען,
פאַר קויפערס צו נעמען אַהיים.
און יוזעף דער גוי, אונדזער שכן
פלעגט אַרומגיין מיט הענט
וואָס שמעקן מיט ערד און מיט טוי.

האָט ער מיך גענומען
אין גלעזערנעם הויז,
און איך בין גליקלעך געווען
אָנצורירן מיט מײַנע הענט אַ רויז.

און מיט פינגערלעך קליינע,
נאַסע פון טוי און פון ליים,
בין דערנאָך צופרידן געלאָפן
מיט אַ קרענצל בלומען אַהיים.

אין בעקערײַ

בײַם שכן אַנטקעגן,
דאָס פײַער ברענט אַזוי הויך:
דאָרטן באַקט מען בייגל,
חלות און ברויט.

שטיי איך אַזוי מיר פאַרוווּנדערט:
ווי מאַכט מען עס דאָך,
אַז בײַ אַלע אַלע בייגל
זאָל זײַן דער זעלבער לאָך?

ביי מיר, אַז עס צערייַסט זיך
אַ קליידל, צי עפּעס וואָס —
דער לאָך איז תּמיד פאַרשידן —
ער האָט נישט קיינמאָל קיין מאָס.

און די לעכער פון בייגל —
אַלע אַן אויסגעמאָסטן ראָד.
זאָגט מיר, פרײַנד מײַנע גוטע,
דערציילט מיר דעם סוד.

דער ישובניק

מען קלאַפּט אין לאָדן: —
שטייט אויף פון שלאָף!
ר׳ גוטמאַן קומט
מיט גרינס פון דאָרף.

ער פאָרט מיט פולן וואָגן,
פאַרהאָרעוועט און מיד.
דערפאַר איז אָבער גוטמאַן
דער פּריץ פון יריד.

אַלע שיינע ייִדן
קוקן אים דאָ אָן: —
דער ישובניק אין אַ שטייגל
פירט אַ ווייַסן האָן.

עס דערנענטערט זיך יום־כּיפּור
צו כּפּרות דאַרפן זיי
אַ האָן, אַ ווייַסן,
אַ זויבערן ווי שניי.

אַלע שטייען אַרום אים דאָ
און ער זיצט זיך אויבן אָן,
ווייַל דאָ אין מאַרק, ר׳ גוטל
גיט דעם טאָן.

אַ קליינינקע נקמה, אין זיי —
דאַכט ער זיך פאַרטראַכט,
אין שול זיצן זיי אויבן אָן
און ער — שטייט הינטן בייַ דער וואַנט...

דעם חזנס ווייב

לאה היט איר מנחם־מענדלען
ווי אַן אויג פון קאָפּ.
אַלע שלאָפן נאָך, נאָר לאה
גייט פון בעט אַראָפּ.

זי דערלאַנגט דעם מאַן, דעם שוואַכן,
אַ הייס גלעזל טיי,
ס'איז בײַ איר דאָך אַ געוווינהייט,
יאָרן שוין אַזוי.

מנחם אירער פלעגט אין שול
בײַם עמוד שטיין אַמאָל,
און זינגען אַלע תּפילות
מיט אַ זיסן קול.

אויפן קאָפּ — אַ שוואַרץ טיכל,
האַלטנדיק זיך גרויס,
פלעגט זי זיצן צווישן ווייבער,
אײַנהערן זיך בלויז.

אַ וואַרעמקייט אין האַרצן
און אין אויג אַ טרער,
און אויב שוואַך איז מיט פּרנסה,
מילא, זי בעט נישט מער.

איצט אָבער, אַז די ייִנגלעך אירע
גייען נישט אין שול.
— און אָנשטאָט מישן דעם סידור
קלאַפּן זיי דעם באַל...

און אַז אויך איר אַלטן מענדלס שטימע,
הייזעריק איז אָפּט,
און ביינאַכט זײַן שטאַרקער הוסט
וועקט איר אויף פון שלאָף,

איז קיין יורש צום חזנות
ביי איר מער נישטאָ.
אַנדערע צײַטן, אַנדערע זמירות
הערן זיך איצטער דאָ...

די שכנה מושקע

ווילסטו פאָרן גיך,
נעם אַ גוט פערדל;
ווילסטו גיכער קומען,
שמיר אָן דאָס רעדל.

ווילסטו פאָרן אויף אַ יריד
און די רעדער זענען טרוקן —
גיי צו אונדזער שכנה מושקע,
די מיטן געבויגטן רוקן.

גלייַך וועלן דייַנע וואָגנרעדער
געשמירט ווערן מיט מאַזש.
וועסט מיט דייַן אַלטן פערדל
פאָרן ווי אַ קניאַזש.

נאָר די אַלטע, גוטע מושקע,
בלייַבן וועט דאָרט שטיין
מיט די שווער־פאַרדינטע גראָשנס
איינינקע אַליין.

דער קלעזמער

בײַ ייִדל דעם קלעזמער
הוליעט הונגער אין הויז.
אַ טיש אויף דרײַ פיסלעך,
אַ באַנק
און אַ ברוינינקער פידל,
וואָס הענגט אויף דער וואַנט
נעבן שאַנק.
דרייט זיך דאָרט אסתּר —
איר פּנים איז בלאַס:
ווו נעמט מען פאַר די קינדער
אַ ביסן?
זי דרייט זיך אַרום אין פינצטערער קיך,
זי נעמט אַלץ
אויף איר אייגן געוויסן: —
פאַרצויבערט געווען
פון ניגון, פון שיינעם,
פון ייִנגל, באַזונדערס פון פידל.
ווען ייִדל דער יונגער
פאַרשפּילן פלעגט איר,
דערצו נאָך פאַרזינגען אַ לידל.
ייִדל זיצט אַ פאַרזאָרגטער —
קיין גראָשן נישט געבראַכט.
שטיל אַזוי וויינט אסתּר
און וויגט ס'קינד אין וויגל.
אין שטוב איז אַ קעלט —
דער ווינט בלאָזט פון אַלע זײַטן,
שפּילט איר צו, אויף זיינע סטרונעס,
אַ ניגון.

די סטאָליאַרניע

ווער ווייסט דעם ריח
פון פריש־געשניטענע ברעטער.
שוין לאַנג פון וואַלד,
האַרטע,
מיט הילצערנע אויגן.

זיי קוקן אָן
ווי הענט מיט מאַזאָליעס
גלעטן זיי און גלעטן.
זיי גיבן זיך אונטער
דער אײַזערנער צונג
פון הילצערנעם הובל,
מיט וועלכן מײַן טאַטע
— מיט ליבע און שווייס —
גלעט זייער פּנים.

אין לופט שטייט
דער ריח פון וואַלד
און דער גוטער ריח
פון טאַטן.

דינה־ריווע די בעקערקע

אין שפּעטער נאַכט
ביים קנעטן טייג
דערציילט האָט דינה־ריווע:
„די טעבטערלעך,
ווי בלומען שיינע
זיי וואַקסן אויף.
דער מאַן איז קראַנק
ער אַרבעט שווער,
איך העלף אים אויס.

דער ווינטער קומט,
דאָס האָלץ איז נאַס,
עס לעשט זיך אויס דאָס פֿײַער,

און קויפן טאָרף,
וואָס גויים ברענגען,
איז פֿאַר אונדז
צו טײַער.

בייגט זיך דינה־ריווע
און קנעט, און מאַכט ברויט.
עס ווייטיקן איר די הענט
און זי בעט אויף זיך דעם טויט.

טאָג־אויס, טאָג־אײַן
בײַם פֿײַער,
שטייט זי פול מיט ווײ:
מען דאַרף אָפּשפּאָרן אַ גראָשן,
אַז טעכטער האָט מען צוויי.

ר׳ מרדכי־דוד דער שוסטער

וואַקסטו אונטער דערקענסטו גיך,
מרדכי־דודן דעם שוסטער.
דו לויפסט,
דו שפּרינגסט,
דו רײַסט די שיך —
גיי צו מרדכי־דוד.
ער וועט דײַן צעפליקטן שוך
ערנסט דאַן באַקוקן,
און מיט אַ שמייכל זאָגן:
„ווער עס וויל אַ גאַנצן שוך,
זיצט אין שטוב
און קוקט אין בוך...״
אַזוי פּסקנט מרדכי־דוד.
און מעשׂהלעך אָן אַ סוף וועסטו דאָרט הערן.
ווייל יעדער ווער אַן עצה דאַרף,
קומט דאָך גלייך אַהער.
און ווען אין שטאָט אַ שׂרפה איז
ווער לויפט, און ווער טרומייטערט?
ווער דאָס שטעטל וועקט? —
„שטייט אויף, עס ברענט!״ —
אונדזער מרדכי־דוד.
און ווען אין עלנט עמעץ קראַנק איז,
ווער קומט אַ גלעזל וואַסער ברענגען,
און מונטערן,
און דעם קישן גלײַכן? —
נאָר ר׳ מרדכי־דוד.
טאָ קומט זשע קינדער גיכער דאָרט,
וועט איר הערן אַ גוט וואָרט
פון ר׳ מרדכי־דוד.

אברהמל דער מילנער

אַרום דעם קליינעם שטעטעלע
פליסט אַ וואַסער זויבער, קיל.
פּלוצים קומט אַ מילנער אָן
און שטעלט אַוועק אַ מיל.

מאָלט ער דאָרטן מעל אַ סך
בײַטאָג און בײַנאַכט,
און שמוציק ווערט אַרום, אַרום
די גאַנצע פּראַכט.

דעמאָלט קומען שכנים אָן,
זענען זיי פול מיט צאָרן:
— דו מילנער, דו,
האָסט דאָס וואַסער דאָ פאַרשמוצט
מיט קלײַען פון דעם קאָרן.

אָט איז אַ בערגל דאָ נישט ווײַט,
עס ווייסט אַ קינד אין וויגל,
גלײַכער שטעלן דאָרט אַ ווינט־מיל
מיט פיר פליגל.

דרייט דער מילנער זיך אַרום,
מיט ווײַסן מעל באַדעקט: —
אוי, ווען נאָר דאָס קלענסטע ווינטעלע
די גרויסע פליגל וועקט.

יאָשקע דער בעל־עגלה

יאָשקע האָט דאָס פערד געשפּאַנט,
דער וואָגן שוין געפּאַקט איז.
פאַראומערט שטייט זײַן פריידע דאָרט,
אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט.

זי קען דאָך פריידע יאָשקען גוט —
ער בענקט נאָך וואַלד און פעלד,
פאָרן אין די זומער־היצן
און אויך ווינטער אין דער קעלט.

בלײַבט זי דאָ, מיט קינדער פיר,
זיי מאַכן איר דעם טויט.
יאָשקע מיט זײַן וואָגן גייט
פאַרדינען שווער אויף ברויט.

טאָג נאָך טאָג, יאָר נאָך יאָר,
און יאָשקע מיט זײַן פערד —
פריידע מיט די קינדער וואַרט,
שוואַרץ שוין ווי די ערד.

יאָשקע איז נאָך אַלץ אין וועג,
פּרנסה איז נאָך ווײַט,
און פריידע טענהט שטיל בײַ זיך:
„צו אַלץ איז דאָך אַ צײַט.״

זעליג דער באַראַבאַנשטשיק

אַן אָרעמקייט, אַ דלות.
עס הערט זיך נאָר ווי אויף טרוקן ברויט
קלאַפּן יונגע ציין,
און מאַמע מיטן לעצטן כוח האַלט איַין איר געוויין.
נאָר זעליגל אויף פּוסטן טעלער
מיט לעפל קלאַפּט ער הויך.
ווי גאַרנישט וואָלט אים אַרן, אַלץ איז גוט און שיין.

די קינדער שפּילן זיך.
ניס, פּולע הענטעלער, ביַי איינע,
שפּילעכלעך ביַי אַנדערע —
נאָר זעליגל מיט שפּענדלעך צוויי
קלאַפּט אויף אַן אַלטן בלעך.

זיַין נאָמען איז שוין באַראַבאַנשטשיק.
ער איז שוין גרויס.
שלעפּט זעק מיט מעל,
פּירט וואַסער פּולע פּעסער.
אין פריַיען טאָג, מיט שטעקעלעך און פּויק,
דער ערשטער איז ער צווישן פיַיער־לעשער.

און ווען זיַין פאָלק
דעם לעצטן גאַנג געגאַנגען איז,
מיט פּויק און שטעקעלעך איז זעליג דאָ.

דער ערשטער טאָן צום שוידער־שפּיל —
געווען איז אַ שאָס.
זעליג ליגט, די אויגן שטאַר,
קיין קול איז מער נישטאָ.

אַמאָל איז געווען...

געווען איז אַ שטאָט,
געווען איז אַ גאַס,
מיט קינדערלעך ליבע, זיסע,
מיט ליכטיקע פענצטער,
מיט שטיל געמיט —
געווען איז אַ שטאָט.

געשמעקט האָט אַרום
מיט מאכלים מיט פרישע,
געשטאַנען דאָרטן שולן
מיט אָפענע טירן,
ייִדן געקומען אָן אַ סוף,
מיט טלית און תּפילין,
גאָט צו באַדאַנקען
פאַר דעם פאַרגאַנגענעם טאָג.

געשטאַנען אין די קראָמען
זענען ייִדן און ייִדענעס פרומע
און געוואַרט אויף אַ קונה,
שווער פאַרדינט דעם רובל
און געהאָפט צום רבונו של עולם.

געשמידט גרויסע פערד,
פאַרריכט אַלטע שיך,
געגלעט פרישע ברעטער
מיט הובל.
איצט —
געבליבן זענען נאָר קברים,
און עס וווייעט דער ווינט
אין די קוימענס...

ס'איז אַנדערער רויך איצט
און אַנדערע ריחות.
נישט ריח פון פיש
אויף שבתדיקער סעודה
און נישט פון פרישע חלות.
און ליבעס און זעלדעס,
דינעס און ריוועס —
אַוועק מיטן רויך, מיט יענעם
זענען אַלע.

געווען איז אַ שטאָט,
געוועזן אַ גאַס.

יום־כפור

פון איין הויז שמעקט
מיט פיש און חלה,
פון צווייטן מיט הערינג
און שוואַרץ ברויט.
הײַנט אַלע גלײַך —
הײַנט פאַסטן אַלע.
מען גייט אין שול,
מיט ווײַסן קיטל,
דער טלית איבערן קאָפּ,
מען קלאַפּט זיך „על־חטא״,
מען בעט מחילה: —
„גאָט, ליבער, שרײַב אונדז אָן
אַ גוט קוויטל.״
און טרערן גיסן זיך
דורות לאַנג,
און ליפּן,
זיי מורמלען אַ תּפילה.
עס קלעמט זיי דאָס האַרץ
פון הונגער און מורא,
זיי וואַרטן אַלע אויף נעילה...
עס הערט זיך דער שופר —
אַ גוט יאָר אייך אַלע, אַלע!
זיי גייען צופרידן אַהיים.
איינער צו פיש און צו חלה,
דער צווייטער צו שוואַרץ ברויט
מיט הערינג,
און ווינטשן זיך אַלע:
דערלעבן דעם צווייטן יום־כפור.

דאָס שטילע טײַכל

קוק אַראָפּ פֿון בריק,
דו׳סט זען אַ שטיל טײַכל
און ווי שטיל עס פֿליסט.
פֿישעלעך, אַלע צוזאַמען,
שווימען צום שטראָם,
ווי ייִדן צו תּשליך.

די גרויסע באַזונדער.
דער העכט יאָגט נאָך דעם קאַרפּ,
מיט ווירדע, מיט גרויסקייט.
דער קאַרפּ, ער שמייכלט זיך שטיל,
הייב זיך נישט אָן מיט מיר,
איך בין דער קאַרפּן־קאָפּ...
פֿלינק דרייט זיך צווישן די פֿיש
דער לאַנגער, דינער שלײַען.

אַ גאַנצע וואָך אַזוי,
אַ וואָך נאָך אַ וואָך.
אַ דאָנערשטיק,
אַ פּשוטער טאָג,
קומט פּלוצים אַ האַנט און באַפֿעלט: —
„אַרויס פֿון וואַסער!״
און ווידער צוזאַמען —
מיט ציבעלע, פּעפּער און זאַלץ.
„ווי שיין בין איך אויפֿן טעלער״ —
זאָגט דער קאַרפּן־קאָפּ.
„ווי געשמאַק בין איך״ —
טענהט דער העכט.
נאָר גיך ווערט נעלם פֿון טעלער
דער שלײַען.

דער קאָכלעפל

אַ צופרידענער, אַ קײַלעכדיקער,
האָט פון זיך שטאַרק הנאה.
מישט רויִק,
נעמט אַרויס דעם תּוך.
שיקט אַ קײַלעכדיקן אָרעם
אונטן אַראָפּ
און ברענגט אַרויף
דאָס סאַמע סאַמע געדיכטע.
איינעם גיט ער דאָס אייבערשטע,
אַ ביסל מוטנע וואַסער,
דעם צווייטן זעטיקט ער אָן
מיט פולס און פּיקאַנטעס.

און רעדט אַרום, און מישט אַרום —
אין יעדן טעלער ער קוקט אַרײַן,
און יעדן גיט ער מיט שמייכל זײַנס.
און זיך? —
פאַר זיך נעמט ער דאָס בעסטע.

צוויי דורות

א.

בערעלע, קום שוין,
ס'איז שפּעט, מ'דאַרף גיין אין חדר.
— מאַמע, נישט איַיל זיך,
איך קאָן נישט אַצינד.

— בערעלע, זע נאָר
די קינדער, זיי לערנען,
און דו, מײַן קינד,
יאָגסט זיך נאָכן ווינט.

— מאַמע, דו זעסט נישט,
דער הימל איז בלוי,
און פייגעלעך פליִען אין די הימלען.
די פעלדער גרינען,
דער סאָד איז אין ווײַסן געהילט,
דיביימער האַלטן איצט אין בליִען.

בערעלע!
דער הימל איז שטענדיק דאָך בלוי,
און פייגעלעך קומען און פליִען,
און תּורה, אויב לערנען פאַרשפּעטיקסטו —
פון וואָס וועסטו חיונה ציִען?

און בערעלע, נעבעך,
גייט נאָך דער מאַמען,
זײַן האַרץ אָבער ציט אים צום פעלד,
צום גאָרטן און פייגל,
וואָס אַלע צוזאַמען און באַזונדער
פאַרשײַנען זײַן וועלט.

ב.

פאַרלייגט די מאַמע אירע הענט,
זי קוקט איר יינגל אָן, —
אַנשטאָט לערנען, יאָגט ער זיך
נאָך אַ ווייַסן האָן.

גייט אַרום אין הויף דער זשוליק
מיט אַ סטאַדע הינט,
און די אַלע קלוגע ביכער
צעוואַרפט ער אויפן ווינט.

אָנגעטאָן די אַלטע הויזן,
אויפן קני — אַ לאָך;
פון זייַנע הויכע אַרבעט־שיך
שלעפן די בענדלעך זיך נאָך.

שפּרינגט ער אַרייַן איצט אין שטאַל,
אין הויכן,
וווּ ס'זענען די ווייַסע טויבן.
באַלד איז ער שוין אויפן דאַך
קוקט אויף דער וועלט
פון אויבן.

נאָר דאָס בעסטע וואַרט נאָך אויף אים —
דאָס יונגע, ברוינע פערד.
ער גלעט אים די גלאַנציקע גריווע
און יאָגט אים,
רירט נישט אָן די ערד.

זאָגט די מאַמע צו דעם טאַטן:
„טאַטע דו, ליבער דב,
דו, דו קוקסט דאָך נאָר אין בוך,
און זיצסט בײַם בלאַט גאָר לרוב.
אויך איך האָב ליב געהאַט די שולע
געלאָפן פרי אין קלאַס.
פאַרוואָס דווקא אונדזער ייִנגל
לויפט פוסט און פאַסט אום אין גאַס."

שמייכלט צו דב, דער טאַטע,
צו זײַן ווײַב מיט פרייד:
„מאַמעלע, אויך איך געהערט האָב שוין אַמאָל
די זעלבע רייד."

דער אײַנקויף

אין אַ ווינטער־טאָג אַ שנייִיקן,
גיי איך מיר אַרויס פון הויז --
נישט לערנען, נישט קויפן,
זיך דורכלויפן בלויז.

און וואָס זע איך אין קרעמל
הינטערן גלאָז? —
צוויי גירטעלעך שיינע,
איינס רויט און איינס ראָז,
מיט ברוינינקע פּינטעלעך
פֿאַרצירט.
דאָס רויטע גירטעלע איז דאָך
ממש פֿאַר מיר.
אָבער:
צו מײַן בלוי קליידל
פּאַסט עס נישט,
אויך נישט גוט צו גרין,
צו דעם רויטן איז עס ברייט אַביסל,
צו דעם קאָלירטן — צו דין.

און איצט אין אַ ווינטער־טאָג,
אין אַ רעגן צי אַ שניי,
דערמאָן איך זיך אָן גירטעלעך,
שײנינקע צוויי.

צוויי בערגלער

הינטערן שטאָט צוויי בערגלער פון ליים.
אויף איינעם אַ צלם, אַ הויכער,
אויבן — אַ קליין דעכעלע,
אונטן — אַ פיגור פון שטיין.
אַ גאָט פאַר די קריסטן
צו קניִען דאָרט פאַר אים
תּפילות זאָגן און אים בעטן,
פאַר ליבסטע, פאַר היים.

אויפן צווייטן בערגל זיץ איך,
איך קנעט מיר דאָרט דאָס ליים,
מאַך טעפּעלער, פיגורן,
און צירונג פאַר דער היים.

קוק איך די פיגורן אָן און טראַכט:
— מײַן גאָט איז דאָך בײַ מיר
אין האַרצן טיף פאַרמאַכט.

גערדאַנקען

גערדאַנקען,
איר זייַט אַמאָל
ווי פייגל שוואַרצע,
וואָס דרייען זיך און זוכן
ווו צו פּיקן, ווו צו עסן.
אָפּטמאָל, ווי זוניקע בלומען,
וואָס מיט זייערע הייסע קאָלירן
מאַכן אונדז מונטער, פריילעך.
אַמאָל גאָר, ווי טײַבעלעך ווײַסע
וואָס דערנענטערן זיך.
אָט זענען זיי דאָ,
און אָט,
ווי געטריבן פון אַ ווינט,
אַנטלאָפן ווײַט, ווײַט,
און פּוסט געבליבן זענען אַרום —
גערדאַנקען.

אַ באַגעגעניש

אויף פרעמדע וועגן
זוכן מיר ביידע,
די זוניקע פרייד
פון פאַרגאַנגענע יאָרן.
איך — מיט אַ טרער אין אויג,
דו — מיט אַ זאָרגלאָזן שמייכל.
מיר דריקן די הענט
און געפינען נאָר
אַלטע זכרונות.
מיר חתמענען זיי,
דו און איך,
דו — מיט אַ זודיקע טרער,
איך — מיט אַ ברייטן שמייכל,
מיט האָפענונג זיך צו טרעפן
נאָך יאָרן.

שפּעט

אַ ליבע אַ פרישע,
אַ שפּעטע,
און גליק דאָך אַ סך.
דאָס זעלבע שטיין בײַם טויער
פּונקט ווי אַמאָל,
און פאָרן צוזאַמען
בײַ זון־אונטערגאַנג,
רעדן שטיל און געלאַסן,
געדאַנקען העט ווו, —

אַ ליבע, אַ שפּעטע!
צוריקגיין אַהיים
אין דער פינצטערער נאַכט,
נאָך דריקן זיך פּשוט די הענט
און וואַרטן אויף ווידער זיך זען.
זיך פרייען מיט ווײַב,
מיט די קינדער אין שטוב,
און וואַרטן.

אַ ליבע אַ פרישע.

אַ קרוג

דו זעסט נאָר דאָס לעבן
ווי אַ ים, אַזאַ גרויסן און שיינעם.
יעדער טאָג איז ביַי דיר
אַ קרוג פול מיט וואַסער,
געשעפּט פונעם ים.
דו שאַצסט נישט די טראָפּנס
וואָס פילן אָן דאָ דעם קרוג.
ביַי דיר איז נישט ווערט
די מעשׂהלעך קליינע,
וואָס פילן מיַין טאָג אָן,
דו זעסט נאָר דאָס גרויסע,
דאָס גאַנצע.
פאַרגעס נישט אַז טראָפּנס
האָבן פיל טעמים.
איינמאָל זיס, איינמאָל ביטער ווי גאַל.
עס גייען צוזאַמען אין כלל
טראָפּן נאָך טראָפּן,
געזאַלצן אַמאָל, אַמאָל — זיס.
אַלע צוזאַמען
דאָס זענען די טעג
פונעם לעבן,
פון דיַינעם מיט מיַינעם.
פון ים.

אַ ליד

איך זינג מיר אַ ליד,
בין יאָרן וואָס זענען פאַרגאַנגען
אין פרייד און אין טרויער.
פון יאָרן וואָס זענען געוועזן
אַ שפּיל פאַרן טויער.

פון ליכטיקע טעג
וואָס גייען אַוועק
און לאָזן אין האַרצן
אַ זיסקייט פון טרויער.

ווערטער לעצטע

נישט איין מאָל
אין די לאַנגע יאָרן
געבעטן האָב איך
אויף מײַן סוף.
אַ קרענק פֿון אַ קינד,
אַ שלעכטע בשׂורה
און איך בעט אַלץ גאָט,
ר'זאָל ענדיקן מײַן וועג.
און איצט —
ווּ נעם איך כּוח,
מיד פֿון לעבן,
צעעסן פֿון מײַן קרענק,
צו ציִען מער?
ווּ נעמט זיך דאָס,
אַ גאָט! —
בײַם מענטש אָט דער כּוח?

אינהאַלט:

אַ נײַער נאָמען (אַרײַנפּיר) — מ. חלמיש 6

1. אין מײַן קיבוץ־היים

זיך אויפגעבויט אַ היים 11
בײַם טויער פון מײַן דאָרף 12
צום גלבוע 13
פּאָענציאָנע 14
זומערנאַכט 15
אין ערב שׂריפה 16
שטיינהאַקערײַ 17
אין רעגן א׳ ב׳ 18
ביידע 19
די אַלטע 20
טעג פון טרויער 21
אין שטאַל 22
תקופות 23
קאַרשן 24
מזל־טוב 25
אַ צווייטער צווילינג 26
פרילינג 27
טײַבעלעך 28
די אַלטע גערטנערין 29
צווי בערג 31
דער גוטער טויער 32
פעלדאַרבעטער 34
מײַן שאָטן 35
דאָרף־פּאַסטאָראַלע 36
די נײַע וווינונג 37
אַ געבורטסטאָג 39
די וואַדי 41
נאַכט אין דאָרף 43
פרעמדע לידער 44

2. פון דער „צאינה וראינה״

צו אָדמען א׳ ב׳ 48
רחל מיט די תּרפים 49
תּמר 50

צלפחדס טעכטער 52
בת־שבע 53

3. אין מײַן אַלטער היים

דער משפחה־אַלבאָם 57
מײַן שטאָט 59
מיכאַלישאָק 60
דער סערוויז 61
אין גאָרטן 62
אין שולע 63
אין אַ ווינטער־טאָג 64
דעם שכנס גאָרטן א׳ ב׳ 65
אין בעקערײַ 67
דער ישובניק 68
דעם חזנס ווײַב 69
די שכנה מושקע 71
דער קלעזמער 72
די סטאָליאַרניע 73
דינה־ריווע 74
ר׳ מרדכי־דוד דער שוסטער 75
אברהמל דער מילנער 76
יאָשקע דער בעל־עגלה 77
זעליג דער באַראַבאַנשטשיק 78
אַמאָל איז געווען 79
יום כּפּור 81
דאָס שטילע טײַכל 82
דער קאָכלעפל 83
צוויי דורות א׳ ב׳ 84
דער אײַנקויף 87
צוויי בערגלעך 88
געדאַנקען 89
אַ באַגעגעניש 90
שפּעט 91
אַ קרוג 92
אַ ליד 93
ווערטער לעצטע 94